# דער, וואָס בויגט זיך

עס קומט צו רייד קעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: בויגען זיך און אז דער וואָס בויגט זיך — ברעכט זיך נישט. אודאי שטעקט דארין א טיפער אמת. מען דארף עס נאָר קענען תופס זיין. איך וויל אייך — קעגען דעם — דערצעהלען א מעשה׳לע, א מין משל. איהר זאָלט מיר מוחל זיין דערפאר וואָס איך האָב א נאָס געטון. איך האָב היינט אזא פארקיהלונג, נישט פאר אייך געדאכט.

הויבט זיך עס אָן אזוי: אמאָל איז געווען א וואלד — ווי סע מאכט זיך אמאָל, א וואלד. גיט א שמעק טאבאק, ר׳ שעמשעל. טאזוי! איז א וואלד. ווי דער שטייגער איז פון א וואלד, איז דאָרט פאראן אלערליי בוימער. גרויסע בוימער. גרעסערע בוימער און אויך קליינע בוימער — פיצעלעך, אָט־אזוי־אָ די גרויס. נישט גרעסער. נוסבוימלעך — צי וואָס. ווער קען זיך דאָרטען אויס אין זיי!

הקיצור, גיט נאָך א שמעק טאבאק, ר׳ שעמשעל. טאזוי. איז וואו האלטען מיר? אין וואלד. נישט קיין קליינינגקייט. ווי דער סמבטיון. סע רוהט נישט. סע בלאָזט. סע שטורעמט. סע לעגט איין וועלטען. און — שטעהן שטעהט עס נאָך אויף א ווינטיג אָרט — אויף א ריכטיג ערטעל, גיט נאָך א שמעק טאבאק, ר׳ שעמשעל,

ס'איז ביי מיר פארלייגט די נאָז, איז מיר שווער צו רעדען.

...איז — דער וואלד. פארלויפט זיך אמאָל אַ מעשה, אז דהינו וואָס? דהינו סע טוט אַ ברעך אויס אזוי אַ שטורעם און — פון די גרויסע, נישט פון די אָפּ־געגנאַרטע שטורעמדלעך, וואָס אַט גיט עס אַ בלאָז און אַט הערט ער אויף! סע שטורעמט, סע רודערט, סע ברעכט. סע קערט וועלטען — עפּעס ווי די גאנצע וועלט וואָלט, נישט דאָ געדאכט, משוגע געוואָרען, אזוי ראַיעט עס און סע זידט וואו־הו, און נאָך אמאָל „וואו־הו"... מיט אַ געוויין, און מיט אַ פייף, פון די אמת'ע וויבערס.

און אין דערפעל ביי אונז — (דער וואלד איז געווען נישט ווייט פון דאָרף) הערט מען סע ברעכט! ער לייגט אוועק — אַ בוים נאָך אַ בוים, אַ דעמב נאָך אַ דעמב. זיי פאלען ווי די שפּענער. און וואָס? סע האָט עפּעס אַ ווערדע ביי דעם רוצח, ביי דעם ווינד, ביי דעם וואלד־גזלן? ער האָט עפּעס רחמנות? און די גוים געהען ארום אין די פּעלצען צעשראָקען און מורמלען: סע קערט זיך איבער די וועלט. הלואי, די וועלט זאָל נישט אונטערגעהן. גיט נאָך אַ שמעק טאבאק, ר' שעמשעל, זעהר וואוילע טאבעקע ביי אייך. טאזוי!

איז אז דער שטורעם האָט זיך געלייגט, און דער וואלד האָט זיך אביסעל בארוהיגט, בין איך מיט נאָך עטליכע אידען אוועק אין וואלד, אַ קוק טון וואָס סע הערט זיך, און וואָס טויג עס אייך ר' שעמשעל? — איך האָב נאָך אזא חורבן נישט געזעהן! דער גאנצער וואלד איז געלעגען אויף דר'ערד. אויסגעבראָכען, אויסגעשלאָגען. צו־דרעהט די צווייגען און דעמבעם — פון די גרעסטע. יעדער דעמב איז געווען אזוי גרויס — ווי זאָל איך אייך זאָגען? — אָהן אַ גוזמא, העכער פון שוהל־דאָך, להבדיל. אמת'ע עצי־יער — וואלד־בוימער, וואָס זייערע

אבות־אבותינו זענען דאָ געבוירען געוואָרען און, ווי מ׳זאָגט, דאָ פארלוירען געוואָרען.

איז קעגען דעם וואָס איהר זאָגט, אז דאָס וואָס בוינט זיך, ברעכט זיך נישט — האָב איך עס טאקע אליין געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען. בעיני ראיתי. אָט מיט די צוויי אויגען, גיט נאָך א שמעק טאבאק, ר׳ שעמשעל. די גרעסטע און שטארקסטע בוימער זענען אויסגעלייגט געוואָרען ווי די שאָף, נאָר איינס: א קלייןביימעלע, א מיזערנע, א גאָרנישט, א שפּעטנע זאך, — א נוס־בוימעל, דאכט זיך, מיט עט־ליכע דינע ריטלעך, אָט דאָס איינע ביימעלע איז זיך געשטאנען אָן א זייט און איז — אויך צעבראָכען געוואָ־רען פון ווינד.

* * *

מאָראל: דאָס בוימעלע פאלט נישט ווייט פונ׳ם שטורעמדעל.